# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

H. Rosenblatt’s 75th Year Celebration / H. Royzenblat’s 75 Yorkier Yubiley

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/99t6r6m9

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)

### Author

Yitskhoki, Isaacki

### Publication Date

1953

### Copyright Information

Copyright 1953 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# קולטור־כראָניק

## ה. רויזענבלאַטס 75 יאָריקער יובל

### פון יצחקי



שבת דעם 31טן יאַנואר, 1953, האָבן די יידישע יידן אין לאָס אַנגעלעס פאַרצייכנט אַ וויכטיקע דאַטע אין דער יידישער ליטעראַטור, מיט דער פייערונג פון דעם 75 יאָריקן יובל, פון זייער באַרימטן בן־עיר, דער דיכטער ה. רויזענבלאַט.

פאַר די 31 יאָר וואָס אונדזער חשוב׳ער בעל היובל איז דאָ ביי אונדז אין שטאָט אַ תושב האָט ער זיך פאַרשאַפט דאָ אָן אַ שיעור איבערגעגעבענע פריינט און פאַרערער. מיט 31 יאָר צוריק, ווען ער איז געקומען אין לאָס אַנגעלעס, איז די יידישע באַפעלקערונג דאַן געווען נאָך אַ גאַנץ מינימאַלע; בערך ארום 30 טויזנט יידישע נפשות. היינט ב״ה, ציילט מען אונדז בערך 350 טויזנט כן ירבו. די דאַמאָלסדיקע קליינע צאָל יידישע אינטעליגענץ, האָט רויזענבלאַטן דאַן אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. רויזענבלאַט איז געוואָקסן צוזאַמען מיטן ישוב אונדזערן, זיין איינפלוס און השפעה האָט זיך שטאַרק געלאָזט מערקן און פילן אין אונדזערע יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור קרייזן. ער איז געוואָרן ביי אונדז דער פאַרשטייער און אַדרעס פון דער יידישער ליטעראַטור און, ווי אַזעלכער ווערט ער באַטראַכט דאָ, עד היום.

דאָס יידיש לעבן אין ל. א. איז פאַר די לעצטע 31 יאָר אויסגעוואָקסן און צוזאַמען מיט דעם וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך אויך אַנטוויקלט דאָ אַ וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע און קולטור שעפערישע אַקטיוויטעט, מיט אַ צאָל פראַטוירנאַלע קערפערשאַפטן און קולטור אָרגאַניזאַציעס. אַ פאַרצווייגטער יידישער שול וועזן, פרויען לייען קרייזן, אר. רינג בראַנטשעס, פאַרבאַנד צווייגן, אַ יידישער קולטור קלוב, אַ „ייוואָ" קאָמיטעט, און אַנדערע קולטור שעפערישע גרופּעס. אין אָט די אַלע דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס, האָט אונדזער חשוב׳ער בעל היובל גאָר, גאָר אַ סך צוגעטראָגן מיט זיין געלייטערט, פיין קינסטלעריש וואָרט און שריפט; מיט זיינע פּרעכטיקע שיינע לידער, האָט ער אומגעהויער שטאַרק באַגייסטערט זיינע צוהערער, געהויבן דעם יידישן קולטור מצב, קינסטלעריש באַהויכט אונדזער סביבה און גייסטיק רייכער געמאַכט אונדזער היגן יידישן לעבן.

מיט זיין היימישער און פריינטלעכער באַטייליקונג אין אונדזערע געזעלשאַפטן ברענגט רויזענבלאַט מיט זיך אַ סך דערהויבנקייט און חשיבות, יום־טובדיקייט און פאָלקסטימלעכקייט. רויזענבלאַט איז געבענטשט ניט נאָר מיט אַ גרויסן שעפערישן טאַלאַנט, נאָר ער איז אויך געבענטשט מיט דער געטלעכער מתנה, צו האָבן אין זיך אָט די מענטשלעכע וואַרעמקייט, וואָס [illegible] זיך מאַגנעטיש איבער צו זיינע מיטמענטשן, צו זיינע מיט־געזעלשאַפטלער.

אין זיין רייפער עלטער פון 75 יאָר איז ער יונגער פון אַ סך יונגערע אין יאָרן, פון אים. ער זעט די וועלט מיט אויגן פון אַ יוגנטלעכן, און די יונגשאַפט שפיגלט זיך אויך שטאַרק אָפּ אין זיין שאַפונג, אין זיינע לידער און אויך אין זיין אַנוועזנקייט אין דער סביבה, וואו ער באַוועגט זיך...

קיינער פון אונדז, וואָס קען רויזענבלאַטן דעם חבר, דעם מענטש, דעם געזעלשאַפטלער און פאַרוויילער, פילט בשום אופן ניט אז רויזענבלאַט איז [illegible] געוואָרן 75 יאָר. מחמת, מיט זיין דיכטערישן געמיט און געהויבענער [illegible]מונג, האָט ער כסדר זיך צו אונדז באַוויזן, אַ יונגטלעכער און מונטערער

אויך פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז רויזענבלאַט אַ וואונדערלעכער פענאָמען, טאַקע מחמת דער יונגשאַפט אין זיין שאַפן. בלעטערן מיר דורך די איבער 50 יאָר פון רויזענבלאַטס לירישע לידער און פּאָעמעס, זעען מיר ווי עס שפּרודלט ארויס פון זיי אַ קרעפטיקע יונגשאַפט און אַ פילאָזאָפישע וויזהייט.

דעם רויזענבלאַט בוך־ און יובל־קאָמיטעט קומט באמת אַ יישר כוח, פאַר איינאָרדנען די פייערונג. און באַזונדערס איז געווען אנגענעם צו זען דעם גרויסן באַגייסטערטן עולם, וואָס איז געקומען צום גרויסן יום טוב, פון אונדזער ליבן חשובן בעל היובל.

ס׳איז אויך ווערט צו דערמאָנען, אַז די פּראָגראַם פון אָוונט איז באמת געשטאַנען אויף אַ גאָר הויכער ניווא, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַזאַ ליטעראַטור יום־טוב: דער הלוי־כאָר אונטער דער דירעקציע פון בען פּאָלאַק, האָט פאָרגעטראָגן אַ פּראָגראַם פון רויזענבלאַטס לידער, מיט דער באַליבטער פאָלקס־זינגערין פייגעלע פאַניטש ווי אַ סאָליסטן; דריי קינדער פון די עלעמענטאַר און מיטל־שולן, האָבן באמת חנ׳עוודיק רעציטירט פון רויזענבלאַטס לידער; דער באַוואוסטער נאָוועליסט ש. מילער האָט באַגריסט רויזענבלאַטן אין נאָמען פון דער יובל קאָנפערענץ און האָט אויך געלייענט צענדליקער באַגריסונגס־בריוו פון שרייבער און דיכטער בכל תפוצת ישראל; שלמה האָכבערג האָט רעפערירט איבער רויזענבלאַטס שאַפונגען און, דער דיכטער בעל היובל האָט אויף זיין קלוגן אינטימען אופן באַדאַנקט דעם קאָמיטעט און דעם גרויסן עולם, פאַר דער געטריישאַפט און וואַרעמקייט וואָס זיי האָבן אים אַזוי פיל געגעבן, און פאַרענדיקט מיט אַ פרעכטיקער עסיי וועגן ליטעראַטור. דער יובל אָוונט איז דורכגעפירט געוואָרן אין דעם פרעכטיקן עיבל טעאַטער און אונטערן פאָרזיץ פון י. פרידלאַנד.

דעם זעלביקן אָוונט, נאָך דער פייערונג, איז נאָך אַ גאַנץ היפשער עולם פאַרבעטן געוואָרן אין לאָס אנגלעסער יידישן קולטור קלוב, וואו ביי שיין געדעקטע טישן זיינען אויסגעהערט געוואָרן באַגריסונגען פון אַ צאָל לאָקאַלע יידישע שרייבער און קולטור טוער. דער ארטיסט אליהו טענעהלאָץ האָט פרעכטיק פאָרגעטראָגן אַ ליד פון רויזענבלאַטס נייעסט בוך „אין שענצטן טאָג פון האַרבסט".

די יידישע לאָס אנגעלעס וועט לאַנג, לאַנג געדענקען אָט דעם גרויסן פייערלעכן יום־טוב פון דער יידישער ליטעראַטור און פון זייער באַליבטן דיכטער, דעם פאַרדינסטפולן בעל היובל, ה. רויזענבלאַט.

---

# דער דוד עדעלשטאַט אָנדענק קאָמיטעט און דער דוד עדעלשטאַט בוך

## פון א. כראַבלאָוו

אין איינעם פון די אויפרופן וואָס דער דוד עדעלשטאַט אנדענק־קאמיטעט האָט אַרויסגעגעבן ווערט ציטירט רודאָלף ראָקערס אַ פאַראַגראַף פון איינעם פון יינע אַרטיקלען אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע", וואָס זאָגט:

„די גאָלדענע צייט פון אונדזער יוגנט איז שוין לאַנג פאַרביי. גליקלעך איז בער דער, אין וועמענס נשמה עס גליט נאָך תמיד אַ פונק פון יענער אומרואיקער ייט. אָט דער דאָזיקער פונק באַשיצט דעם גייסט קעגן צופאַלן ווערן און לאָזט ט שטאַרבן די גרינע זוימען פון האָפענונג."